**יצחק קאַהאַן** (מעלבורן)

# ישראל שטערן אויף אַ פאַרלעזונג אין אַסטראַלענקע

## (דערינערונגען און רעפלעקסן)

געווען איז דאָס אַ יום־טוב אינדערפרי. איך בין אַרויפגעגאַנגען צו ר׳ יעקב באַיוק צו באַגעגענען זיך מיט ישראל שטערן, וועלכער איז דורך דער „פרץ־ביבליאָטעק" אַראָפּגעבראַכט געוואָרן אויף אַ פאַרלעזונג. ווייסנדיק, אַז י. שטערן איז געוואָרן טיף־רעליגיעז בין איך נישט געווען איבערראַשט, ווען איך האָב אים געטראָפן דאַווענען מיט דביקות און פאַרטיפטער כוונה. מיט אַ באַוועגונג האָט ער געבעטן מיך זיצן, און איך האָב דערביי אָבסערווירט דעם אויסדרוק פון זיין ברייטן פנים, פון וועלכן ס׳האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר טרויעריקע, פרעגנדיקע אויגן.

עס איז געווען אַ זומערדיקער, זוניקער פרימאָרגן. און קוקנדיק אויף זיין פנים, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז עס דריקט אויס אַ מין בין־השמשותדיקע פאַרבענקשאַפט, עפּעס אַן אומהיימלעכקייט פון שאָטנדיקע מיסטעריעס, וואָס באַגלייטן דעם סוד פון טויט. עס איז מיר געקומען אויפן זיכרון זיין געדיכט „פאַרנאַכטן":

„פאַרנאַכטן זענען זקנים וואָס קענען נישט שטאַרבן,
פאַרנאַכטן זענען קינדער געפונען אונטער פּלויטן,
פאַרנאַכטן זענען לאָמפּן — עס ברענען שוין די קנויטן".

איך האָב זיך געפּרוּווט דערמאָנען נאָך פערזן פון אָט דעם געדיכט, און ישראל שטערן באַמערקנדיק, אַז מיינע ליפּן באַוועגן זיך האָט שטיל אַ פרעג־געטאָן:

„איר ווילט מיר עפּעס זאָגן?" — „ניין", האָב איך געענטפערט, „איך באַמי זיך צו דערמאָנען עטלעכע פערזן פון אייער ליד... ‚פאַרנאַכטן׳".

— איר האָט געלייענט מיין ליד? האָט ער מיט שטוינונג אַ פרעג געטאָן.

— יאָ, אַ פּאָר מאָל, געקענט שוין אַפילו אויף אויסנווייניק.

און כדי צו ווייזן, אַז כ׳מיין עס אויף אַן אמת, האָב איך אָנגעהויבן גלייך צו רעציטירן:

„פאַרנאַכטן זענען בריוו פון שטילע משוגעים,
פאַרנאַכטן זענען בריוו געשריבן און צעריסן:
עפּעס ווערט לייכטער און עפּעס גייט אונטער...
פאַרנאַכטן זענען רינגען אויף אָפּגעהאַקטע פינגער
בלוט אויף גאָלד — גאָלד אויף בלוט."

כ׳בין געבליבן שטיל. שטערנס אויגן האָבן עפּעס נאָכגעלאָזט פון טרויער און אָנגעהויבן שמייכלען.

— כ׳בין איצט צופרידן שוין, האָט ער שטיל אָנגעהויבן, וואָס כ׳בין געקומען אויף אַ באַזוך קיין אַסטראַלענקע, ס׳איז פאַר מיר אַן איבערראַשונג! אמת, זייער אַן אָנגענעמע, וואָס אין מיין געבורט־שטאָט ווער איך געלייענט, און יוגנט לערנט זיך אויס מיינע לידער אויף אויסנווייניק... כ׳דערקען באמת נישט מיין געבורט־שטאָט, געטראַכט, אַז ס׳האָט זיך דאָ גאָר נישט געענדערט זינט כ׳בין אַוועק...

ער איז שטיל געבליבן, זיך פאַרטראַכט און געקוקט ערגעץ אין דער ווייטקייט. עס האָט אָנגעהאַלטן אַ ווייל און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער האָט אויפגעהערט מיך צו זען, פאַרגעסן, אַז איך זיץ דאָ. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַ זאָג געטאָן צו מיר: „קומט צו מיר אַרויף נאָכן עסן, פאַר דער פאַרלעזונג, מיר וועלן אַביסל שמועסן".

• • •

— האָט איר געלייענט מיינע „שפּיטאָל־לידער"? — האָט שטערן מיך שפּעטער געפרעגט, — זאָגט מיר ווי אַזוי האָט איר זיי אויפגענומען... כ׳מיין נישט בלויז זיי, נאָר בכלל, וואָס פילט איר ביים לייענען מיינע לידער.

איך האָב אָנגעהויבן מיט דעם:

— איר האָט אויף אַ וווּנדערלעכן אופן אין אייער דיכטונג אידענטיפיצירט דעם מענטש מיט דער נאַטור, אייער באַציאונג צו דער נאַטור איז עפּעס ווי צו אַ גרויסער מיסטעריע. איך בין שטיין געבליבן, זוכנדיק ווערטער אויסצודריקן וואָס איך מיין. כ׳האָב זיך געפילט אַביסל נישט דרייסט צו זאָגן מיין מיינונג אַ גרויסן דיכטער, וועלכן כ׳האָב אַזוי הויך געשעצט, אָבער שטערן האָט מיר צוגעגעבן קוראַזש, איך האָב זיך געפילט מער היימלעך און פאַרגעזעצט:

— אייערע געדיכטן, וואָס זענען באמת אַזוי מייסטערהאַפט, אָטעמען מיט אומהיימלעכקייט. פאַראַן אין זיי בענקשאַפט, טרויער, שאָטנס פון טויט און עס פאַרכאַפּט שטאַרק אייער פּאָעטישער פלי, אָט טאָקע דער שטראָמיקער, עכטער, שעפערישער געפיל, וואָס פילט אָן אייער ליד מיט קינסטלערישער אויפריכטיקייט, און מיט דעם טראַגישן אמת, אָבער עס ווערט אַזוי אומעטיק אויפן האַרצן ווען: „פאַרנאַכטן זענען פידלען, בעת טייוואָלים כאַפּן פון שטוב אַרויס די כלה", אָדער: פאַרנאַכטן זענען פאָנען פון פאַרשפּילטע שלאַכטן". ס׳איז שטאַרק בילדעריש, אָבער עס וואַרפט אָן אַן אימה אויף אונדזערע שיינע טרוימערישע, זומערדיקע פאַרנאַכטן.

— פאַר וואָס זעט איר זיי אַזוי טראַגיש?...

שטערן האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ ליבן שעמעוודיקן שמייכל, געזאָגט צו מיר אַ פּאָר ווערטער וועגן יחוס־אבות און באַלד צוריק געוואָרן טויט־ערנסט.

— הערט מיך אויס, מיין יונגער בן־עיר. צי ווייסט איר וואָס דיכטונג באַדייט אין טיפערן זין? — דיכטונג מיינט כסדר טראָגן די לאַסט פון מענטש זיין, ווייטאָקן מיט אַלע, אומגליקלעך זיין דורך דעם געווייין פון אַלע. (ביי די ווערטער האָט ער זיך האַסטיק אַ הייב־געטאָן פון בענקל, אַרומ־

געשפּאַנט עטלעכע מאָל איבערן צימער און זיך אָפּגעשטעלט לעבן מיר). איר זייט אַ לעזער און איך וויל איר זאָלט עס גוט צעקייען. יעדער דיכטער לעכצט צו דאָס טיפסטע אינערלעכסטע און אומדערשיטערלעכסטע אינעם מענטש. ווען אַלע געניסן פון אָפּרו מיט פאַריגלטע ברעמען — איז דער דיכטער וואַכזאַם, אויפצושפּיצן די אויערן, אויפצוכאַפּן די דינע קולות, וואָס קומען ערגעץ פון דער ווייטער נאַכט אַריין.

ער איז צוריק שטיל געוואָרן, פאַרטראַכט אין זיך, און באַלד אַ פרעג־געטאָן:

— איר ווייסט וואָס פּעטער אַלטענבערג האָט געזאָגט וועגן דיכטונג? „פון אונדזערע טרערן ווערן לידער”.

— איר האָט פריער געפרעגט מיך וועגן געדיכט „פאַרנאַכטן”. איך פיל דעם בין־השמשות אַנדערש ווי איר. בײַ מיר ווירקן טאָג־שטימונגען אַנדערש ווי אָוונט־שטימונגען און נאַכט.

בײַטאָג שיטן זיך רייד ווי זאַמד, אַ וואָרט איז ווי אַ צייכן אין זאַמד, עס פאַרשווינדט, פאַרלעשט, פאַרגעסט זיך. נאָר אין די אײַנגעהאַלטענע שעהן פון טיפער נאַכט, ווען די וועלט שטייט שטיל, אומבאַוועגלעך און פינצטער ווי אַ שוואַרצער טאַפל — איז אַ וואָרט ווי אויסגעשניטן מיט אַ מעסער אין טאַפל. איר האָט עס לאַנג פאַר די אויגן... איבעריקנס, כ׳וועל וועגן דעם רעדן אויספירלעך אויפן פאָרטראָג.

מיר זענען אַוועק צו דער פּרץ־ביבליאָטעק.

• • •

דער זאַל איז שוין געווען אויסגעפילט איבער די ברעגעס. דער עולם איז געקומען פריער ווי געוויינלעך און געוואַרט לאַנג אויפן פרעלעגענט — דעם בן־עיר. שטערן האָט בײַם אַרײַנקומען באַקומען אַ גרויסע אָוואַציע. ער האָט זיך אַביסל פאַרלוירן, נישט דערוואַרט אַזאַ וואַרעמע אויפנאַמע.

בײַם פּרעזידיום־טיש האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן צו מיר:

— איר ווייסט דאָך וואָס מען זאָגט: ס׳איז שווער צו זײַן אַ נביא אין דער אייגענער שטאָט. איך האָב באמת נישט דערוואַרט אַזאַ גרויסן עולם און אַזאַ וואַרעמקייט (ער האָט עס געמיינט בלשון תּרתּי משמע, צווייַדייטיק, ווײַל ס׳איז געווען טאַקע זייער וואַרעם אין לאָקאַל...).

פירנדיק דעם פאָרזיץ האָב איך אין עטלעכע האַרציקע ווערטער באַגריסט דעם חשובֿן גאַסט און בן־עיר. באַטאָנט דעם אָרט, וואָס ער פאַרנעמט אין דער יידישער ליטעראַטור. מיט זײַן טיפער געדאַנקלעכקייט, וואָס ער אָרקעסטרירט אַזוי מייסטערהאַפט דורך שטימונג און בילדערישקייט, האָט ער זיך אַרויסגערוקט אויף דער מזרח־וואַנט פון אונדזער דיכטונג. כ׳האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף זײַן קינסטלערישן אויסדרוק אין וועלכן עס האָבן זיך אַזוי האַרמאָניש צונויפגעגאָסן קלאַנג, פאָרם און ריטם.

איך האָב פאַר אים פאַרגעשטעלט דעם עולם, צווישן וועלכן עס געפינען זיך אַזויפיל לייענער זײַנע, וואָס זענען שטאָלץ מיט זייער באַגאַבטן בן־עיר — אַ גאָט־געבענטשטער דיכטער, וואָס פאַרמאָגט די וווּנדערלעכסטע סטרונעס אויסצושפּילן אונדזערע איבערלעבונגען און אַנונגען אין די דינסטע ניואַנסן, און הײַנט האָבן מיר אַ לעבעדיקע באַגעגעניש צווישן דיכטער און לייענער.

בײַ אַ טויטשטילקייט האָט שטערן אָנגעהויבן זײַן פאָרטראָג וועגן קונסט און דיכטונג. ער האָט פון אָנהייב באַטאָנט די פאַרשידענע פאָרמען פון קינסטלערישן שאַפן.

„יעדער גרויסער קינסטלער שאַפט זיך אַ נײַע וועלט, אַן אימאַזשינירטע בײַ דער זייט פון דער רעאַלער. ווײַל נישט דאָס, וואָס רופט זיך לעבן איז דער עיקר, נאָר דאָס, וואָס איז אַרום לעבן, איבערן לעבן, נאָכן לעבן...

„אין פּרצעס „בײַנאַכט אויפן אַלטן מאַרק” שפּאַצירן די טויטע אַרום און קוקן זיך צו צו אַלץ, וואָס קומט פאָר אַרום. זיי דערגרונטעווען טיף אָפּשאַצנדיק סײַ די שיינקייטן ווי די מיאוסקייטן פון לעבן. אין דעם הו־האַ פון טאָג־טעגלעכן לעבן, ווען מענטשן שײַנען צו זײַן וואַך זענען זיי אָבער גאָרנישט ממשות׳דיק, זיי האָבן נישט קיין שום וועזנטלעכעס. בײַנאַכט ליגן די זעלבע מענטשן, מידע, פאַרמאַטערטע, אָפּטדערשלאָגענע. ערשט ווען זיי שלאָפן־אײַן דערזעען זיי אין חלום דאָס נישט אַנטדעקטע. אין באַוווּסטלאָזיקייט אָנען זיי ערשט, דערפילן זיי עפּעס העכערס, וואָס איז אַזוי ווייט פון טאָג־טעגלעכן ליאַרם. אויך דער קינסטלער, דער דיכטער, כאָטש ער איז בײַטאָג אויך נישט אין דער מיט פון ליאַרם, דערהערט ער ערשט בײַנאַכט דעם שלוכץ אין בלאָען חושך. ער דערהערט דעם בת־קול: „ווײַ צו מײַנע קינדער וואָס זענען נאָך פאַרטריבן פון מיר און פון זיך — — — און קיין טרייסט איז נישטאָ — — ווי לאַנג נאָך, ווי לאַנג נאָך?”...

— — — מיר האָבן געמאַכט אַ קליינע פּויזע און שטערן האָט מיך שטיל אַ פרעג געטאָן צי דער עולם האָט אים פאַרשטאַנען. איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז ס׳איז געווען פאַר אונדז אַ גרויסער גײַסטיקער נחת־רוח און אַפילו די, וואָס האָבן נישט געקאָנט אַלץ תּופס זײַן, האָבן אויך איבערגעלעבט דערהויבנדיקס. נאָך דער פּויזע האָט שטערן אָנגעהויבן מיט י. ל. פּרץ, וואָס געהערט צו די גרויסע קינסטלער, וועלכע בלײַבן אייביק הונגעריק צו גאָט... ער האָט געזוכט דעם וועג צו גאָט, נענטער ווערן צו אים. במילא, ווערן נענטער צום מענטש. דיכטונג איז די בריק פון מענטש צו מענטש. איר ענדציל איז בענטשונג און זעליקייט. איר שטרעבונג אַרײַנצודרינגען אין צענטער פון מענטשישן „איך”, ווו עס קומען פאָר ציטערנישן און גראַנגלען, דערלייכטערונגען און גליקזעליקייט. עכטע דיכטערישע שאַפונגען זענען אומגעפעלשטע דורכגעווייטאָקטקייטן, באַהויכט מיט אַן אינעווייניקסטן דראַנג צו גרויסער רעליגיעזיטעט, ווילן זיי מער פאָרשן ווי אויפדעקן. יעדער מייסטער בויט זיך אויף אַן אייגענעם בנין אין דעם גרויסן וועלט־רוים און דאָרט ווערן אַלע דערשײַנונגען און זעאונגען באַפאַרבט מיט דעם בלוט פון קינסטלער. און שווער קומט אים אָן די חבלי־לידה פון שאַפן. אַפילו אַזאַ מייסטער ווי היינריך היינע האָט כּוחות אַוועקגעלייגט, באַאַרבעט און איבערגעאַרבעט זײַן קורץ ליד „אין וווּנדער־

שײנעם מאָנאַט מאַי״. ער װי יעדער עכטער קינסטלער האָט אָפּגעגעבן פֿיל מי אױף דער אָרנאַמענטיק פֿון סטיל, פֿאַרב און קלאַנג.

כאָטש דער פּרעלעגענט האָט שױן גערעדט אַ לענגערע צײַט און הײס איז געװען, דאָך איז די אױפֿמערקזאַמקײט פֿון עולם געװען צוגעשמידט צו דער טריבונע, מ׳האָט קײן שאָרך נישט געהערט אין זאַל. מ׳האָט בחוש געפֿילט אַז ס׳איז נישט קײן געװײנלעכע פֿאָרלעזונג נאָר אַ טיפֿע דיכטעריש־קינסטלערישע אימפּראָװיזאַציע און די געדאַנקען װעגן דיכטונג זענען אַרױסגעקומען פֿון דעם דיכטערס געמיט און מחשבה (שפּעטער האָט שטערן אױסגעברײטערט און פֿאַרעפֿנטלעכט זײַן װוּנדערבאַרן אַנאַליז פֿון דיכטונג און ליטעראַטור־קריטיק, װאָס האָט געװאָרפֿן אַ פּראָזשעקטאָריש ליכט אױף שרײַבער און װערק).

װען ער האָט געענדיקט, האָט אַ שטורעם פֿון אַפּלאָדיסמענטן אױסגעדריקט דאַנקבאַרקײט און פֿאַרערונג פֿאַרן גײַסטיקן גענוס פֿון פֿאָרטראַג, װאָס האָט געדױערט איבער 2 שעה. אָבער דערמיט האָט זיך עס נאָך נישט געענדיקט. דער עולם האָט באַלאַגערט דאָס פּרעזידיום־טישל אָפּצוגעבן שלום, דריקן די האַנט און שטעלן... פֿראַגן. מיר האָבן אױפֿן אָרט באַשלאָסן פֿאַרצוזעצן עפֿנטלעך די פֿראַגן און ענטפֿערס. די פֿראַגן זענען געװען פֿון אַ פֿאַרשידענעם כאַראַקטער, און דער פּרעלעגענט האָט אין קורצע ענטפֿערס באַלױכטן ליטעראַטור־ און קונסט־פּראָבלעמען. אין די ענטפֿערס איז נישט בלױז בקיאות געװען נאָר אױך בילדערישע שפּראַך־קװאַליטעט.

אַן אױסנאַם האָט שטערן געמאַכט אױף אַ פֿראַגע װעגן שונד. ער האָט געענטפֿערט מיט אַזױפֿיל הומאָר און סאַטירע, אַז מיר האָבן אַלע געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז ס׳רעדט נישט דער זעלבער פּרעלעגענט װאָס פֿריער, נאָר אַ נײַער, אַ גלענצנדיקער פֿעליעטאָניסט און סאַטיריקער.

„שונד איז גבאי ראשונדיק אין יעדן ליטעראַרישן קלױז און קלײזל־פּאָליטיק... שונד איז דער מצװה־טענצל אױף אַלע חתונות, דער בריה, דער צו גאָט־און־צו־לײַטנדיקער שרײַבער... שונד איז דער שײַנער מענטש, װאָס איז גרײט צו שװערן בײַ זײַן געגאָלטער באָרד און פּאות, אַז פֿאַר אײַך איז דער גרעסטער כּבֿוד צו האָבן מיט אים מחזקות... שונד איז אונדזער בעל־גאװה, װאָס שפּאַצירט קאָפּ־פֿאַרריסן אױף אַלע גאַסן, און װײסט װי אַזױ געפֿעלן צו װערן... װײַל פֿאַר יעדן האָט ער אַן אַנדער שפּראַך. שונד איז דער כּפֿול־שמונהדיקער קאַריעריסט — זײַן לשמה׳דיקײט איז ברײט באַקאַנט, זײַן אידעאַליזם — רײַן גאָלד. אין װאָס קאָנט איר אים חושד זײַן? אין מאַטעריעלן נוצן? נאַרישקײטן! איר זאָלט אים אפֿילו װעלן געבן געלט האָט ער עס נישט װוּ צו האַלטן... אַז אין אײן קעשענע האָט ער גוטע מידות און אין דער צװײטער — גוטע מעשׂים און אױף דער פּלײצע־נעבעך אַ שװערן פּעקל יושר... ער נעמט זיך אָן אַלע עװלות. װער אױב נישט ער? דערצו האָט ער דאָך אַלע כּלים. עס איז שױן די טבֿע פֿון שונדמאַן, אַז אים פֿעלט קײנמאָל גאָרנישט אױס... ער האָט אױפֿן לאַגער פֿון כּל־טובֿ. װאָס ער דאַרף גײט ער צו גרײט און נעמט...״

דאָס אַלץ האָט שטערן געזאָגט מיט אַ שמײכל אױף די ליפּן. אָבער בײַם סוף, ערנסט געװאָרן און אין אַ העכערן טאָן אַזױ פֿאַרענדיקט: „...נישט אײנמאָל פֿילט מען, אַז מיר זענען פֿאַר אַ נײַעם מבול, האָט דאָך אָבער גאָט געשװאָרן, אַז קײן מבול זאָל מער נישט זײַן און ר׳ נחמן בראַצלאַװער האָט עס אַזױ געטײַטשט: קײן מבול פֿון װאַסער װעט מער נישט זײַן, אָבער אַ מבול פֿון שמוציקע מחשבות, פֿון שלעכטע געדאַנקען — װאָס מײנט שונד — װעט יאָ זײַן! אָבער עכטע קונסט און דיכטונג װײַל דאָס אַראָפּשװענקען פֿון אונדזער לעבן. איך גלױב אין כּי־טובֿ! אין מענטשלעכן האַרץ געפֿינט זיך אַן אוצר, מען דאַרף נאָר װיסן װי אַזױ צוצוקומען צום אים...״

• • •

לאַנגע יאָרן זענען אַװעק שױן פֿון יענעם יום־טובֿדיקן טאָג, װען ישׂראל שטערן איז געװען אין אַסטראָלענקע. דאָס רובֿ פֿון זײַנע צוהערער זענען אין אַש פֿאַרװאַנדלט געװאָרן און יחידים זענען אַרױס נישט־דערבערענטע. און דער גרױסער דיכטער, װאָס האָט אַזױ טיף געגלױבט אין דער שליחות פֿון דיכטונג און קונסט, אינעם אוצר פֿון מענטשלעכן האַרץ, האָט זיך געװאַלגערט איבער װאַרשעװער ברוק אַ געשװאָלענער פֿון הונגער... צי האָט ער, דער פּרינץ פֿון קונסט, אין זײַנע לעצטע שעהן אױך װײַטער געגלױבט אין דעם אוצר פֿון מענטשלעכן האַרץ, אַז מען דאַרף נאָר װיסן װי אַזױ צוקומען צו אים?... װער װײסט. דעם סוד האָט ער אױף אײביק מיטגענומען מיט זיך...